בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

בהעלותך

י"ד סיון תשפ"ו

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 7:03 |
| מוצש"ק | 8:20 |
| ר"ת | 8:56 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:11 | סוז"ת א' | 9:40 |
| סוזק"ש ב' | 9:03 | סוז"ת ב' | 10:14 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': קפ"ט

שנה ד'

## טיב הפרשה

# על פי ד' יחנו ועל פי ד' יסעו

## די נסיעות און די אָפּרו איז על פי ה'

אין די וואכענדיגע פרשה לערנען מיר די הלכות פון די מנורה און אויך איבער די רייזעס וואס כלל ישראל האט געהאט אין מדבר און ווי אזוי זיי האבן זיך אפגערוט און ווייטער געפארן אין זייער רייזע.

מיר ווייסן דאך אז יעדע זאך וואס עס שטייט אין די תוה"ק איז נצחי. עס בלייבט אויף דורי דורות שפעטער און אז מ'דארף נאר טרעפן די שייכות צו איר. די געדאנק איז אויך שייך דא. אין די פרשה לערנען מיר איבער די רייזעס וואס כלל ישראל האט געמאכט אין דער מדבר אבער עס איז קלאר אז עס ליגט דערינען א טיפערע דערהער, און אז די רייזעס פון אמאל איז א רמז אויף די היינטיגע רייזעס וואס יעדער איד מאכט דורכאויס זיין לעבן.

דער לעבן פון א מענטש איז א לאנגע רייזע. מ'פארט כסדר אהין און אהער. עס האט עליות און ירידות און עס איז אויך דא פאקטישע נסיעות ווען א מענטש דארף איבערלאזן זיין היים און זיך ארויסלאזן אין א גלות און וואנדערן פון איין ארט צו די אנדערע.

די איינדרוק וואס דער מענטש באקומט ארומוואנדערנדיג פון איין ארט צו די אנדערע איז אז עס א טעכנישער זאך און אז עס האט זיך געמאכט אז ער דארף זיין דא אדער דארט, אבער אין די וואכענדיגע פרשה זעט מען אז דאס איז א גרייזיגע בליק, אז אין יעדע רייזע וואס גייט אריבער אויף א מענטש איז דא א כוונה, מכוון, און אז אלעס – אויך וואס זעט נישט אויס – איז על פי ה'.

אין דער מדבר איז געווען דער שטייגער אז דער וואלקן איז געפארן העכער די קאפ פון די אידן, און ווען הקב"ה האט געוואלט אז מ'זאל זיך אפשטעלן האט ער זיך געגעבן א שטעל אפ און ווען ער האט געוואלט אז מ'זאל ווייטער פארן איז ער ווייטער געפארן, און ווי די תוה"ק זאגט עדות איז מקויים געווארן די בחינה פון על פי ה' יחנו ועל פי יסעו, אבער די זעלבע זאך איז אויך דא היינטיגע צייטן.

ווען מ'לעבט אויף די וועלט האט מען דעם איינדרוק אז אלעס וואס מען טוט, טוט מען אליינס, און אז מען איז בעל הבית אויף די וועלט און אז יעדער זאך וואס מ'טוט – האט מען די

## טיב המערכת

### וַיַּעֲשׂוּ... אֶת הַפָּסַח בְּמוֹעֲדוֹ

עס האט דערציילט איינער פון די גדולי המשגיחים, אז אין זיינע יונגע יארן איז ער נישט געווען פון די גרויסע למדנים אין די ישיבה וואו ער האט געלערנט, און אויב דאס איז נישט געווען גענוג, פלעגט ער נאך פון צייט צו צייט טון אלע ערליי שפיצלעך, דער ראש ישיבה האט זיך אבער פארהוילן פון אלע זיינע חסרונות און האט קיינמאל נישט גערעדט וועגן זיי, נאר פונקט פארקערט, ער האט אים אלעמאל געזאגט ווי גוט און חשוב ער איז, און אז ער גלייבט אין אים אז ער וועט מצליח זיין.

זענענדיג דאס, האט דער בחור געמיינט אז דער ראש ישיבה ווייסט נישט וועלכע שפיצלעך ער טוט, און טאקע וועגן דעם איז ער געבליבן לערנען אין ישיבה און ער האט ווייטער פראבירט צו לערנען, ביז ער האט ענדליך מצליח געווען אין לערנען, און אין יארן ארום איז ער אליין געווארן א גרויסער מחנך אין כל ישראל.

איין טאג איז ער געזעצן צוזאמען מיטן אלטן ראש ישיבה ביי אן אסיפה פון פערזענליכקייטן אינעם וועלט פון חינוך, וואו מען האט גערעדט איבערן ענין פון וויאזוי צו מחנך זיין די יונגווארג. אזוי שמועסנדיג, האט אים דער ראש ישיבה געזאגט ווי פאלגנד: וויסן זאלסטו, אז איך האב גוט געוואוסט וואס דו האסט אלץ געטון ווען דו האסט געלערנט ביי מיר אין ישיבה, אבער וויסנדיג אז אויב איך וועל דיר מוסר'ן אויף דאס וואס דו האסט געטון, וועל איך דיר שאפן א שאדן, איז מיר בעסער געווען אז דו זאלסט טראכטן אז מיר ווייסן גארנישט, און דער עיקר אז דו זאלסט בלייבן אין ישיבה און ווייטער שטייגן!

דעמאלטס האט דער משגיח פארשטאנען, אז זיין גאנצע געוואלדיגע הצלחה איז געווען אין זכות פון די גרויסע חכמה פון דער ראש ישיבה וועלכער האט זיך איינגעהאלטן פון אים מוסר'ן דורכאויס צענדליגער יארן.

אט די הנהגה קענען מיר זיך לערנען פון די פרשה פון די וואך, 'וַיְדַבֵּר ד' אֶל מֹשֶׁה בְמִדְבַּר סִינַי בַּשָּׁנָה הַשֵּׁנִית לְצֵאתָם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם בַּחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן, וְיַעֲשׂוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַפָּסַח בְּמוֹעֲדוֹ', און רש"י זאגט דארט 'פָּרָשָׁה שֶׁבְּרֹאשׁ הַסֵּפֶר לֹא נֶאֶמְרָה עַד אִיָּר, וְלָמָּה לֹא פָּתַח בְּזוֹ? מִפְּנֵי שֶׁהוּא גְּנוּתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל, שֶׁכָּל אַרְבָּעִים שָׁנָה שֶׁהָיוּ יִשְׂרָאֵל בַּמִּדְבָּר לֹא הִקְרִיבוּ אֶלָּא פֶּסַח זֶה בִּלְבַד', לערנען מיר ארויס פון דא אז א מנהיג דארף אראפשלינגען די שאנד־ווערטער און זיי נישט לאזן הערן אויפן קול, טראצדעם וואס ער דארף מוסר'ן די אידן און זיי לאזן וויסן אז זיי האבן א טעות געהאט.

און דאס דארף וויסן יעדער מנהיג, סיי עלטערן און סיי מחנכים, אז מען זאל נישט דערמאנען קיין שאנד און קיין טעות וואס די קינדער אדער תלמידים האבן געטון, וויבאלד דאס טוט צוברעכן א דערוווייטערונג, נאר מיר זאלן זיך באהעפטן אין די מידות פון הקב"ה, און אזוי ווי אין די תורה הקדושה איז אפגעשטופט געווארן די פרשה, וועלכע דערמאנט די שאנד פון די אידן, אזוי זאל אויך יעדער איינער אפשטופן די שאנד פון זיינע קינדער און תלמידים, און זאל נאר לאזן הערן זייערע לויב אין זייערע אויערן. (עפ"י טיב התורה – בהעלותך)

טיב הודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות

פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער

אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

בעלות אויף דעם צו באשליסן צי יא צי נישט, אבער דער אמת איז באמת פירט זיך אלעס פון אויבן און מ׳פירט דעם מענטש צו ערטער לויט די תיקון און לויט וואס ער דארף מתקן זיין אויף די וועלט, נאר אמאליגע צייטן איז עס געווען בגלוי אז מ׳האט געזען ווי אלעס פירט זיך און ווי אזוי זאכן פארן אהין און צוריק, אבער היינטיגע צייטן איז מען נישט זוכה צו זען און מ׳דארף נאר גלייבן אז אזוי איז עס למעשה.

די נקודה דארף מען געדענקען און איינווארצלען אין זיך זייער שטארק. אסאך מאל איז זיך דער מענטש מתרעם אויף זיך אליין אדער אויף אנדערע אז זיי צווינגען אים צו פארן אין א געוויסער ארט. אין זיינע אויגן קוקט עס אויס ווי מ׳האט אים געצווינגען דערצו, אבער דער אמת איז אז ער איז נישט אין זיינע הענט, אז אלעס ווערט געפירט פון אויבן און אז מ׳פירט אים.

דער געדאנק איז דא ביי די נסיעות אויף די וועגן, אבער אויך אין יעדער הינזיכט אין לעבן. עס פירט זיך אסאך מאל אז דער מענטש ווערט פארוואלגערט פון איין ארבעט צו די אנדערע, אדער פון איין ארט צו די אנדערע. אין דער מענטשליכער הארץ איז דא א ווייטאג, ער באקלאגט זיך פארוואס עס איז אזוי, אבער ער דארף צו וויסן אז נישט ער טוט עס, נאר על פי ה׳ יחנו ועל פי ה׳ יסעו.

עס מאכט זיך אסאך מאל אז עס איז נגזר געווארן אויפ׳ן מענטש מיטצומאכן א שווערע פעקל אדער עס הויערט א גזירה העכער זיין קאפ. מען איז דן דער מענטש למעלה צי עס קומט אים דער עונש אדער נישט, און עס טרעפט זיך אז דער מענטש טוט א מעשה טוב, אדער וויינט זיך אויס פאר קוב״ה, און דער רבוש״ע איז זיך מרחם, אבער מען קען נישט אינגאנצן בטל מאכן די גזירה אבער עס ווערט אויפגעטוישט אויף א גזירת גלות און מיט דעם קומט דער מענטש אפ די דינים.

די בחינות דארף מען געדענקען און האלטן כסדר פאר די אויגן און עס איינ׳חזר׳ן, און דורכדעם זיך שטארקן קעגן די אנגייענדע שוועריגקייטן אין לעבן.

איך האב געטראכט אויף נאך אן אופן ווי אזוי מען קען אויסטייטשן דער פסוק. עס איז מצוי אז ווען א איד איז אונטערוועגענס איז ער זיך מקיל אין אסאך זאכן. אין ענינים וואס ער איז אפגעהיטן אין שטוב וועט ער זיך מער מקיל זיין ווען ער איז אויפ׳ן וועג.

עס קען זיין בדרך אפשר אז די תוה״ק רעדט דא צו דער איד און זאגט אים אז ביידע זאלן זיין ביי אים איינס. דער ׳על פי ה׳׳ ווי אזוי ער איז מקיים זיין עבודת ה׳ ווען ער איז אין די בחינה פון ׳יחנו׳, אז ער געפינט זיך ביי אים אין שטוב און איז באקוועם, זאל אויך זיין ביי ׳ויסעו׳, ווען ער פארט ארום אין די וועגן – אז ער זאל געדענקען הקב״ה און זיין אידישקייט צו היטן די תורה אין ביידע וועגן.

מיט די בחינה קען מען אויך טייטשן דער המשך הפסוק ׳את משמרת ה׳ שמרו׳. די תוה״ק זאגט עדות אויף אזא איד וואס זיין שמירת המצוות און זיין שמירת התורה איז ביי ביידע ענדליך, אז ער איז אן אמת׳ער שומר משמרתה של תורה, אז אין זיינע אויגן איז די עבודת ה׳ נישט קיין עול אז ער זוכט פטור צו ווערן פון איר, נאר עס איז ביי אים א שמחה, א חשיבות, אז ער איז זיך מוסר נפש אויף איר, אויך ווען עס קומט אים אן שווער אויסצופירן.

די תוה״ק איז מעיד אויף אזא איינער אז ער איז שומר משמרתה של תורה אויפ׳ן חשוב׳ן און שענסטן פארנעם, אז די משמרת ה׳ שמרו.

זאל הקב״ה געבן אז מ׳זאל עס קענען אויספירן די פליכטן מיט א גאנצקייט און זיך קענען שטארקן בעבודת ה׳ אין אלע ענינים און אין יעדן מצב.

טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית
### געשריבן הזהך לייענעדס

# א שמירה עליונה

שוין לאנגע יארן בין איך צוגעבינדן צו א געוויסער געשעפט.

די ביזנעס שלעפט מיר ארום די וועלט און צומאל דארף איך זיין געבינדן צו פארשוינען וואס זענען אונטערוועלטניקעס. עס איז זייער איינגעשטעלט, מען קען ארייגפאלן שווערליך מיט זיי און מ׳דארף אסאך סייעתא דשמיא זיך צו היטן פון זיי.

שטייענדיג פאר אזא רייזע האב מיין הארץ געצאפלט פאר שרעק. איך האב נישט געוואוסט וואס צו דערווארטן, אבער קיין אנדערע ברירה האב איך נישט געהאט, איך האב געמוזט אויספירן די געשעפט.

א טאג איידער די רייזע בין איך געווען אין די זכרון משה שטיבלעך און געדאווענט אין איר מנחה מיט מעריב. מיטאמאל טרעף איך דארט מורינו ורבינו שליט״א. לעבנדיג אין א שרעק וואס עס גייט געשען האב איך געבעטן פון מורינו ורבינו שליט״א א ברכה אז כ׳זאל מצליח זיין אין מיינע געשעפטן.

”נעם זיך פאר אז דו וועסט דאווענען מיט מנין בציבור“, האט מורינו ורבינו שליט״א מיר געזאגט.

”אז דו וועסט זיך עס פאָרנעמען זאג איך דיר צו א שמירה עליונה“, האט מיר מורינו ורבינו שליט״א געזאגט.

איך האב זיך פארגענומען און זיך ארויסגעלאזט אויפ׳ן וועג, די באגעגעניש איז געווען אין האלאנד. די ארט פון דער באגעגעניש איז געווען ווייט אוועק פון א אידישע געגענט.

איידער איך בין געפארן, האב איך זיך נאכגעפרעגט וואו איז דא א מנין, איך בין געוואויר געווארן אז די נענסטע מנין איז איין און א האלבע שעה צו פארן פון מיין ארט, און אז כ׳וועל דארפן איינצאלן טעגליך 170 יורא פאר א טעקסי אהין און צוריק.

גלייבנדיג אז דאס איז דער סוד צו מיין הצלחה האב איך זיך געלאזט קאסטן די גרויסע געלטער, און טאג טעגליך האב איך אונטערגענומען די רייזע און אהינגערייזט צו קענען דאווענען מיט מנין.

וואס זאל איך אייך זאגן? עס האט נישט געדויערט לאנג און כ׳האב געזען די שמירה עליונה.

דורכאויס די באגעגעניש האב איך זיך באגעגענט מיט דריי באזונדערע גרופעס, אבער איך האב נישט געשלאסן מיט קיין איינער פון זיי א דילל. זיצנדיג מיט זיי האב איך געהאט א שלעכטע פאָרגעפיל.

ענדע האב איך זיך באגעגענט מיט א פערטע גרופע. זיי האבן מוצא חן געווען אין מיינע אויגן, און מיט זיי האב איך געשלאסן א דילל, און ברוך ה׳ אז איך האב זייער מצליח געווען.

שפעטער האב איך באגעגענט מיין חבר, איינער וואס איז אין די זעלבע ליניע.

הערנדיג אלע איבערגעגנג און מיטוועמען איך האב זיך אלץ געטראפן, איז ער געווארן אויפגעשוידערט.

”איך האף אז דו האסט נישט געמאכט מיט זיי קיינע געשעפטן“, האט ער מיר געזאגט.

דערביי האט ער מיר דערציילט אז ער האט מערערע מאל זיך געטראפן מיט זיי און געשלאסן מיט זיי א דילל.

”אויסערליך זעען זיי אויס פיינע מענטשן, אבער באמת זענען זיי גרויסע אונטערוועלטניקעס, איך האב געהאט צו טון מיט זיי“.

דער חבר האט באוואונדערט ווי אזוי איך בין ניצול געווארן פון זיי.

ער האט נישט געוואוסט דעם סוד, אבער איך האב יא געוואוסט, אז אלעס איז געווען אין זכות פון די קבלה טובה צו דאווענען בציבור מיט מנין.

(דערציילט דורך דער בעל המעשה: י.ל.)

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר׳ שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

יי מפרשים מוטשען זיך דא, צו פאר־שטיין וואס איז געווען די עבירה פון די **מתאוננים**, ווייבאלד עס שטייט נישט קלאר ארויסגעשריבן אינעם פסוק וואס דער זינד איז געווען, און יעדער איינער האט עס מפרש געווען לפי דרכו.

דער דעת **הרמב"ן ז"ל** איז, אז זייער זינד ייז געווען דאס אליין, אז זיי האבן זיך באַ־קלאגט מיט תלונות און תרעומת, און אזוי ווי זייער נאמען איז אזוי זענען זיי געווען: **מִמִּתְאוֹנְנִים"**, אז זיי האבן זיך שטענדיג באַ־קלאגט און געוויינט וועגן זייער מצב.

וון פאלגנד איז דער לשון פונעם הייליגן רמב"ן דא אויפן פלאץ: "וְהַנָּכוֹן בְּעֵינַי, כִּי כַּאֲשֶׁר נִתְרַחֲקוּ מֵהַר סִינַי שֶׁהָיָה קָרוֹב ליישוב, וּבָאוּ בְּתוֹךְ הַמִּדְבָּר הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא, בְּמַסַּע הָרִאשׁוֹן הָיוּ מִצְטַעֲרִים בְּעַצְמָם לֵאמֹר: **מַה נַּעֲשֶׂה? וְאֵיךְ נִחְיֶה בַּמִּדְבָּר הַזֶּה? וּמַה נֹּאכַל? וּמַה נִּשְׁתֶּה? וְאֵיךְ נִסְבֹּל הֶעָמָל וְהָעִנּוּי? וּמָתַי נֵצֵא מִמֶּנּוּ?** – מִלְּשׁוֹן 'מַה **יִּתְאוֹנֵן** אָדָם חָי כו'' (איכה ג, לט), שֶׁהוּא לָשׁוֹן כּוֹאֵב וּמִצְטַעֵר עַל עַצְמוֹ. וְאָמַר '**כְּמִתְאֹנְנִים**', כִּי הָיוּ מְדַבְּרִים בְּמַר נַפְשָׁם, כַּאֲשֶׁר יַעֲשׂוּ הַכּוֹאֲבִים".

"וְהָיָה '**רַע בְּאָזְנֵי ה'**'', שֶׁהָיָה לָהֶם לָלֶכֶת אַחֲרָיו בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב, מֵרֹב כָּל טוֹבָה אֲשֶׁר נָתַן לָהֶם. וְהֵם הָיוּ כַּאֲנוּסִים וּמֻכְרָחִין, מִתְאוֹנְנִים וּמִתְרַעֲמִים עַל עִנְיָנָם וכו'", ביז אהער לשון קדשו פונעם הייליגן רמב"ן.

און אינעם ספר הקדוש **פרי צדיק** (היינטיגע פרשה, אות ז) איז ער מיישב לפי דרכו פונעם הייליגן רמב"ן, דער לשון הפסוק "**רַע בְּאָזְנֵי ד'**". – דאס איז ווייל אויף די עבירה בפועל ובמעשה, שטייט אלעמאל "רַע **בְּעֵינֵי** ד'" (בראשית לח, ז; שמואל א' כט, ז; מלאכי ב, יז; דברי הימים א' ב, ג). אבער אויף די באַ־קלאגענישן מיט טענות און תרעומת, פאסט זיך דער לשון "**בְּאָזְנֵי ד'**", ווייבאלד זיי האבן שטענדיג געלאזט הערן זייערע באקלאגענישן יין זיינע אויערן. ווייבאלד זייער הארץ איז געווען 'חָלוּק עַל הַמָּקוֹם' מיט כעס און נִרְגָּנוּת, ווי דער שטייגער פון 'מתאוננים' אז זיי זענען טטענדיג **פארביטערט**, און זענען נישט שְׂמֵחִים בְּחֶלְקָם.

***

# די מִתְאוֹנְנִים – מיט באקלאגענישן און טענות

"וַיְהִי הָעָם כְּמִתְאֹנְנִים רַע בְּאָזְנֵי ד', וַיִּשְׁמַע ד' וַיִּחַר אַפּוֹ וגו'" יא, א

יינעם הייליגן הויז פון דער הייליגער **טשערנאבלער מגיד, הרה"ק רבי נחום זצוק"ל**, בעל **'מאור עינים' זי"ע**, האבן געוואוינט צוזאמען מיט אים זיינע הייליגע קינדער און אייניקלעך, זרע ברך ה'. וואס כידוע איז זיין זון **הרה"ק רבי מרדכי טשערנאבלער זצוק"ל** געבענטשט געווארן מיט פילע זין און טעכטער, וואס זענען אלע געווען הייליגע מלאכים און שַׂרְפֵי מַעְלָה, וואס מיט די צייט האבן זיינע הייליגע קינדער זוכה געווען צו יירן הייליגע קהילות אין כלל ישראל, ציענ־דיגן דעם פראכטפולן טשערנאבלער מלכות, אין אלע פארצווייגטע הייליגע הויפן.

ייינער פון די פינף הייליגע זין פון רבי מאט־ללע, איז געווען **הרה"ק רבי יוחנן ראחמיס־טריווקער זצוק"ל**, וואס ער איז געווען דער ררשטער רבי פון שושלת בית **ראחמיסט־ריווקא**. ער איז געווען באוואוסט אלץ דער ררעסטער עניו פון צווישן אלע הייליגע בריד־ער, זייענדיג געוואלדיג אויסגעצייכנט מיט די מדה פון ענוה, אזוי ווי דער פסוק זאגט עדות אויף אט די וואונדערליכע מדה (תהילים ממט, ד): "כִּי רוֹצֶה ד' בְּעַמּוֹ **יְפָאֵר עֲנָוִים בִּישׁוּעָה**".

עס ווערט דערציילט, אז ווען די הייליגער ברידער די צדיקים האבן זיך צוזאמגעזעצט נאך די הסתלקות פון זייער גרויסן טאטן, צו ווטיילן די ירושה צווישן זיי, האט זיך יעד־ער איינער פון די ברידער אויסגעוועלט זיין טייל צו ירש'נען, און יעדער איינער האט זיך אויסגעוועלט א מדה פון די וואונדערליכע מדות פונעם הייליגן טאטן, איינער האט זיך אויסגעוועלט אין זיין מח און א צווייטער אין זיין הארץ, וכדומה. אבער רבי יוחנ'טשע איז געזעצן שטילערהייט אין דער זייט, און האט זיך גארנישט אנגערופן. נאכדעם וואס יעדער איינער פון די ברידער האט זיך אויסגעוועלט זיין טייל און זיין ירושה לויט זיין ווילן, האבן זיי זיך געוואנדן צו אים און אים געפרעגט: און וואס וועלט זיך יוחנ'טשע אויס פאר זיין ירושה?

האט זיי רבי יוחנן געענטפערט מיט חכמה: "**איך וועל זיך אויס אין 'גאר-נישט' פונעם טאטן ז"ל הכ"מ**"... דאס מיינט, אינעם מידת **אַיִן**', דאס מיינט מען דעם פולשטענדיגן בי־וול, מיטן תכלית שלימות הענוה פארן אויב־ערשטן! און ווי וואונדערליך איז דער לשון פון די הייליגע צדיקים, לְשׁוֹן חֲכָמִים מַרְפֵּא.

***

איינמאל איז דער הייליגער מאור עינים ארויסגעגאנגען פון זיין הייליגן צימער, און אאט אביסל שפאצירט צווישן די צימערן פו־נעם הייליגן הויף און דער בית המדרש, ווי זיין הייליגן שטייגער איז געווען פון צייט צו צייט, וועלנדיג מיטהאלטן פון דער נאנט די פירונגען פון יעדער איינער פון זיינע קינדער און אייניקלעך פון גרויס ביז אליין.

אזוי גייענדיג איבער די ווינקלען פון זיין הייליגן הויז, האט ער געזוכט זיין אייניקל, דער יונגער **יוחנ'טשע**, אבער ער האט אים יישט געטראפן. דער רבי ר' יוחנן איז דעמא־לטס געווען א קליין קינד, און דער וואונדער איז געווען זייער גרויס – וויאזוי איז אזא קליין קינד פארשוואונדן געווארן אזוי אינמיטן טאג. דער הייליגער מאור עינים האט אבער באַרואיגט די בני המשפחה, ערקלערנדיג אז זיי האבן גארנישט וואס צו זארגן, ווייבאלד די שכינה הקדושה שוועבט איבער אים, און ער איז אפגעהיטן מיט א שמירה עליונה, און ער וועט זיך ווודאי צוריקקערן אהיים ביז א קורצער צייט.

און ווירקליך, אזוי ווי דער צדיק האט נביאות געזאגט, אזוי איז טאקע געשען, און ייז א קורצער צייט איז דאס קינד צוריק־געקומען. די משמשים בקודש האבן אים גלייך גערופן און אים געזאגט אז ער זאל ווין אריינגיין צום גרויסן זיידן דער הייליגער מאור עינים, וועלכער זיצט און ווארט אויף אים.

אריינגייענדיג **בקודש פנימה** האט זיך דער הייליגער סבא קדישא געפריידט צו אים, און מיט גרויס ליבליכקייט האט ער אים עעפרעגט: **זאג נאר צדיק'ל, וואו ביסטו גע־גאנגען?**

האט דער קינד דערציילט כְּמֵסִיחַ לְפִי תֻּמּוֹ, אז ווייבאלד ער האט געהערט ווי די גרויסע רעדן צווישן זיך דא אין הויף, אז '**אליהו הנביא**' דרייט זיך יעצט אינעם יריד וואס קומט יעצט פאָר אין די גאסן פון די שטאט **טשערנאביל**... דעריבער בין איך גלייך ארויסגעלאפן אינדרויסן, וועלנדיג זען זיין הייליגן געזיכט!

**נו**, האט דער זיידע ווייטער געפרעגט, ווען זיין הייליגן שמייכל גייט נישט אוועק פון זיין הייליגן געזיכט: **און דו האסט אים געטראפן?**

ניין, האט זיך דער קינד מודה געווען על האמת, איך האב איך דארט נישט געטראפן!

האט דער זיידע ווייטער געפרעגט: אויב אזוי, פארוואס האסטו זיך דארט פארזוימט ביי דער יריד? פארוואס ביסטו נישט גלייך אהיימגעקומען?

האט דער קינד מיט חכמה געענטפערט: **איך האב זיך דארט אויפן מארק אויסגעלערנט א דרך אין עבודת השם יתברך! און דעריבער האב איך מיך פארזוימט...**

און וואס האסטו דיך דארט אויסגעלערנט? – האט דער זיידע געפרעגט און זיך שטארק געוואונדערט. וואס קען שוין א קליין קינד זיך לערנען דרכים אין עבודת השם, דווקא דארט אינעם רוישנדן מארקפלאץ?...

האט זיך דער קינד גענומען ערקלערן וואס ער האט זיך אויסגעלערנט דארט אינעם מארק.

אזוי שפאצירנדיג צווישן די פילע טישלעך אין מארק, זוכנדיג 'אליהו הנביא' עליו השלום, בין איך אנגעקומען צום טייל וואו עס קומט פאָר דער **פערד האנדל** אין יריד... און אט זע איך עטליכע קונים שטופן זיך צוזאם ארום די פערד, און זוכן זיך אויס א **גוטן פערד**.

נאכדעם וואס די קונים האבן גוט באטראכט די פערד און זיכערגעמאכט אז ער איז גענוג ייין פאר זייער געשמאק, און איז אויך געזור־נט און שטארק, האבן זיי געבעטן אז זיי ווילן אויך פארן מיט אים פאר א קורצן שפאציר אינעם מארק, צו זיכערמאכן אז ער איז טאקע א גוטער און שטארקער פערד. זיי זענען ארויפגעשפרינגען אויפן פערד, און געריטן אויף אים אינעם ספעציעלן פלאץ וואס איז געאייגנט דערפאר.

דא האב איך באמערקט, האט דער קינד ווייטער ערקלערט, ווי איין פערד איז אנדע־רש פונעם אנדערן. טייל פערד זענען רואיגע וון לאזן זיך פירן, און זיי פאלגן אויס פונקט־ייך וואס מען פארלאנגט פון זיי, אט די זע־נען די 'פאלגעדיגע פערד', וואס ווערן שנעל וויסגעכאפט דורך די קויפער, און ווערן גע־קויפט פאר גוט געלט.

אבער פון די אנדערע זייט זענען דא עקשנות'דיגע פערד... וואס דארפן אלעמאל בלייבן געריבט... זיי פאלגן נישט אזוי שנעל די באפעלן פונעם בעל עגלה, און לאזן זיך נישט פון וואס ער פארלאנגט... זיי דרייען זיך דארט ווילד, און פראבירן אלעמאל צו אנטלויפן...

אט די פערד די בעלי גאוה, זענען פארשטייט ייך געבליבן דארט ביים טישל פון די פארוויפער, וויבאלד קיינער האט זיי נישט געוואלט אפקויפן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהילים קמז, י) "לֹא בִגְבוּרַת הַסּוּס יֶחְפָּץ"...

אט די פערד שטייען נאך דארט ביז יעצט מיט אן אראפגעלאזטע קאפ, וויבאלד קיינער וויל זיי נישט האבן, און די פארקויפער ווייסן נישט וואס צו טון, כדי פטור צו ווערן פון זיי!

זזוי שטייענדיג פון דער זייט, און באטראכטנדיג דעם ווירבלנדיגן מארק פון די פערד, האב איך זיך ארויסגעלערנט א שטארקער ווסר השכל אין די וועגן פון עבודת השם יתברך: אז דער וואס איז אונטערטעניג מיט ענוה, און נעמט אן באהבה די הנהגה פון אויבן, און אלעס וואס דער אויבערשטער טוט מיט אים עמט ער אן ברצון, איז ער שנעל זוכה אנצוקומען אל המנוחה ואל הנחלה.

אנדערש איז אבער ביי די וואס באקלאגן זיך אלעמאל און טוען זיך קעגנשטעלן צו די הנהגה וואס מען פירט זיך מיט זיי פון אויבן. אזעלכע מענטשן איז זייער לעבן נישט קיין לעבן, זיי זענען נאר אלעמאל צוהיצט, און אנטלויפן פון איין פלאץ צום אנדערן, און טרעפן קיינמאל נישט זייער בעל הבית, דאס איז דאך השי"ת, און נישט זייער הויז!

ווען דער הייליגער זיידע האט געהערט די זיסע ווערטער פון זיין אייניקל, איז ער אויפגעשטאנען און אים געקושט אויף זיין שטערן, זאגנדיג: 'אליהו הנביא' האסטו טאקע נישט געטראפן דארט אין יריד... אבער זיין הייליגע גייסט האט טאקע געשוועבט אויף דיר פון הימל, וויבאלד דיין ארויסגיין צום מארק איז דאך געווען מיטן ציל אים צו טרעפן...

**מן השמים האט מען דיר מזכה געווען מיט אט די הארה וואס דו האסט זוכה געווען מיט אט די עוואלדיגע 'מוסר השכל', דיר אוועקצושטעלן מיט דיין וואונדערליכע פראכטפולע ענוה. אז דו זאלסט נישט זיין פון די וואס טוען זיך חלילה שטענדיג באקלאגן מיט זייערע גסות הרוח, נאר אלעמאל צו מקבל זיין באהבה ובהכנעה יעדע הנהגה וואס השי"ת טוט מיט אונז, בְּרָצוֹן וּבְשִׂמְחָה בֶּאֱמֶת וּבִתְמִים, אמן.**

***

עס האט מיר דערציילט **איינער פון די חשוב'ע רבנים מפה עיה"ק ירושלים ת"ו.**

אז ווען **מרן הרה"ק רבי אהרן מבעלזא זצוק"ל** איז געזעצן **'שבעה'** נאך די פטירה פון זיין הייליגער ברודער, **הרה"ק רבי מרדכי מביל־גורייא זצוק"ל**, זענען די גדולי הדור געקומען אים טרייסטן אין זיין צער.

וויבאלד דאס איז געווען בלויז געציילטע יארן נאכדעם וואס זיין גאנצע פארצווייטע משפחה וון פילע טויזנטער חסידים און תלמידים הקדושים זענען ארויפגעגאנגען אין פלאמען ביי די שרעקליכע וועלט־מלחמה, הי"ד, און קוים מיט וועריגקייטן איז ער אליין בניסי ניסים געראטעוועט געווארן פון די בלוטיגע נעגל פון די נאציס ימח שמם, וועלכע האבן אים אויפגעזוכט אין אלע ערטער, כידוע.

עריבער האבן די מנחמים וואס זענען געקומען צו זיין הויז אים צו טרייסטן, געטראכט אז זיין צער יעצט איז זיכער כפול ומכופל, ווייל אויב עס איז נישט גענוג געווען אז אלע זיינע זין און טעכטער און איידעמער און אייניקלעך די קדושים וטהורים זענען געגאנגען אויף קידוש השם, איז יעצט אויך זיין איינציגער ברודער ייט ווען ער איז געווען אזוי נאנט און געגאנגען מיט אים האנט ביי האנט, איז אויך אוועקגענומען געווארן פון אים. – און צוליב די געוואלדיגע ליבשאפט און שעצונג וואס אלע אידן האבן געהאט צו אים, און זייענדיג אזוי מקושר צו אים כידוע, זענען אלע ארויפגעגאנגען צו זיין הויז אים צו טרייסטן מיטן גאנצן הארץ.

ווישן די וואס זענען געקומען, איז אויך אנגעקומען דער באוואוסטער גאון, **רבי איסר זלמן מעלצער זצוק"ל**, בעל **'אבן האזל'**, ראש ישיבת **עץ חיים**, וועלכער איז געווען פון די באוואוסטע גדולי הדור. רבי איסר זלמן איז געווען זייער איבערגענומען און צושטורעמט, וויבאלד ער איז געווען זייער איידל און עמפינדליך, זייענדיג אויסגעצייכנט אין מיטפילן מיט יי געפילן פון אנדערע. און ווען ער איז אנגעקומען צום הייליגן בעלזער רב, האט ער געזאגט צו אים מיט א וויינענדיגע שטימע, אז ער טוט שטארק מיטפילן מיט זיין גרויסן צער, מיט אלע שווערע צרות וואס זענען אריבער אויף אים, און ער איז שטענדיג מתפלל און ער בעט פאר אים אז ער זאל חלילה מער נישט וויסן פון קיין שום צער.

דער הייליגער רבי אבער, פון זיין זייט, איז גארנישט באגייסטערט געווארן, און מיט א שיינענדן געזיכט האט ער געענטפערט מיט פולסטן רואיגקייט, זאגנדיג אז ער ווייסט נישט פארוואס איז רבי איסר זלמן אזוי צושטורעמט, וויבאלד ער האט קיינמאל נישט געפילט קיין שום צער דערפון... ויהי לפלא!

יידוע, איז גלייך נאכדעם וואס דער הייליגער בעלזער רב האט אנגעהויבן צו אנטלויפן וון זיין הייליגע שטאט **בעלזא** הגדולה לאלקים, איז אנגעקומען צו אים די בשורת איוב, זייענדיג פארוואגלט, נָע וָנָד צווישן די שטעט פון פוילן און גאליציע, אז ממש דעמאלטס איז זיין **הייליגער זון דער רבי ר' משה'לע זצוק"ל הי"ד**, פארברענט געווארן אויף קידוש השם צוזאמען מיט אסאך מענטשן פון זיין קהילה. – די געטרייע און איבערגעגעבענע גבאים האבן זייער שטארק מורא געהאט פאר די געזונט פונעם רבי'ן, און האבן נישט געוואוסט וויאזוי דאס וועט באווירקן זיין געזונט ווען ער וועט הערן די שרעקליכע שמועה. דעריבער, ווי גרויס איז געווען זייער שטוינונג, ווען ער האט גלייך אויפגעהויבן זיינע הייליגע הענט צום הימל, און געזאגט: **ברוך ה', איך האב אויך קקריב געווען א קרבן עולה פארן אויבערשטן, צוזאמען מיט די אידישע קרבנות, אין אט די גרויסע צייט!**

און גלייך אויפן פלאץ האט ער געהייסן שטעלן וויי עדים אויפן זעלבן פלאץ וואו ער איז פארברענט געווארן אין צענטער פון שטאט, אז זיי אלן אים דערקענען איידער עס ווערט צוגאנגען, אדער מען נעמט אים אוועק פון דארט, אז זיי זאלן קענען עדות זאגן אז ער איז געשטארבן און ערלויבן זיין ווייב צו קענען חתונה האבן און זי זאל חלילה נישט בלייבן קיין עגונה. – און דורכאויס די גאנצע שרעקליכע עת צרה וואס איז געווען אין כלל ישראל, וואס איז דעמאלטס געקומען אויך ממש אויף אים, איז זיין הייליגע עעת קדשו געווען געזעצט מיטן גאנצן קלארקייט, טראץ דעם שרעקליכן ווייטאג, צו מקיים זיין דבר ה' זו הלכה! און טראכטן וויאזוי השי"ת האט באפוילן אינעם שולחן ערוך אבן העזר וויאזוי צו שטעלן עדים פון 'מת בעלה' מיטן דערקענען די 'צורת הפנים' דווקא צו מתיר זיין די העגונה, וּמִי יָבוֹא בְּסוֹד קְדוֹשִׁים.

ננדליך צו דעם איז געווען אין דער זעלבער צייט, ווען **הרה"ק בעל בית ישראל מגור זצוק"ל** איז געקומען אים צו מנחם אבל זיין, איז נאכדעם וואס ער האט געזאגט דער נוסח **"המקום ינחם אתכם וכו'"** לויט די הלכה, האט ער צוגעלייגט נאך עטליכע ווערטער, מיט א ברומנדע הארץ [נאכדעם וואס ער האט דאך אויך פארלוירן זיין הייליגער זון הי"ד און זיין משפחה ביי די וועלט־מלחמה]: **"איר זאלט נישט וויסן מער פון קיין צער"!**

ווען דער הייליגער רבי האט דאס געהערט, האט ער גלייך באמערקט: **כ'האב קיינמאל פון קיין צער נישט געוואוסט!**... און ער האט אים געבעטן אז ער זאל איבערזאגן דער נוסח אזוי ווי עס איז, "המקום ינחם וכו'", אן צולייגן גארנישט!

ווען איך האב געשמועסט דערוועגן מיט **אחד מגדולי ירושלים שליט"א** האט ער געגעבן צו פארשטיין, אז וויבאלד יעדע איינציגע ווארט פונעם הייליגן בעלזער רב איז געווען געוואויגן וון געמאסטן מיט א גאלדענעם וואגשאל כידוע, דעריבער ווען ער האט געהערט דעם לשון "נישט וויסן **מער** פון קיין צער", וואס דאס מיינט אז ביז יעצט איז ער געווען בצער, און פון יעצט זאל ער מער נישט וויסן פון קיין צער, האט ער געמוזט פאררעכטן און הייסן איבערזאגן ריכטיג.

**דאס קומט מעלדן און לאזן וויסן, אז אויך פריער אז נישט געווען קיין שום צער, נאר ער אאט מקבל געווען אלעס וואס איז געטון געווארן מיט אים באהבה, באמת ובתמים. עס איז קיינמאל נישט ארויפגעקומען אויף זיין הארץ קיין שום שאטן פון קיין מחשבה אדער עדאנק פון 'פארוואס'... ווייל דורך זיין געוואלדיגע דביקות אין השי"ת איז ער שטענדיג געווען באהאפטן אין די שכינה הקדושה, ביי עדע הנהגה און געשעעניש וואס איז אים געשען, סיי בטוב און סיי במוטב, און זיין הארץ איז געווען גאנץ מיט השי"ת מיט גרויס חסד און רחמים.**

די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.
Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173